„Radomer-Kielcer Leben" 35 (325) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

היינט 8 זייטען.
Radom, Piątek 5 Września 1930 r.
ראדאם, פרייטאג י״ב אלול תר״צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.
*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ׳ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

# ראדאמער-קעלצער לעבען

בזה הננו מביעים רגשי תודה עמוקה
לכל אלה שהשתתפו באבל הכבוד
של בעלי ואבינו
## ר׳ משה רובינשטיין
נ. ע.

משפחת
רובינשטיין.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער פאמיליע **רובינשטיין**
צוליב׳ן טוידט פון זייער מאן און פאטער
**ר׳ משה רובינשטיין** נ. ע.
**איתמר אדלער** עט פאמיליע.

---

Z powodu przedwczesnego zgonu
**B. P.**
**MOJŻESZA**
**RUBINSTEINA**
pogrążonej w smutku Rodzinie
wyraża najgłębsze współczucie
Cześć Jego pamięci.
A. BRESLAUER
z RODZINĄ.

---

**Dr. JAKÓB GOLDBLUM**
**Radom, Moniuszki 10**
POWRÓCIŁ.

---

צו דער פערלאבונג
פון ה׳ נחום אייזענבערג קעלץ מיט פר״ל מאניע בערקמאן
גראטולירען מיר הערצליך און ווינשען א גליקליכע צוקונפט.
פאמיליע **רײַשער** ראדאם.

---

Z intencji zaślubin
p. Leoni z Neufeldów z p. Jóźkiem Sztelmanem
serdeczne życzenia składa
D. Blatman z rodziną.

די איין- און- איינציגע בעשטעטיגטע דורכ'ן מיניסטעריום פאר קולטור און קונסט.

SZKOŁA MUZYCZNA w Radomiu, Zgodna 8 pod kier. P. GISSERA

מאכט בעקאנט, דאס די עגזאמענס און דאס פערשרייבען זיך פון נייע שילער און שילערינס פון די קלאסען:

פידעל, פארטעפיאן, וויאלאנטשעל א. א. האבען זיך אנגעהויבען און דויערן וויטער יעדען טאג פון 10—2 און 4—6.

די שילער נעמען א טייל אין: שול-ארקעסטער, קאמעראל-מוזיק, טעאריע און סאלפעדוש — אומזיסט. — דער פראגראם איז שטרענג איינהייטליך לויט'ן ווארשאווער רעגירונג'ס-קאנסערוואטאריום. — די צייגנישען פון דער שולע זענען גילטיג אין אלע העכערע מוזיק-שולען.

די לעקציעס קומען פאר א גאנצען טאג. ביי דער שולע איז פארהאן א ספעציעלע קלאס פאר אנפאנגער.

פאר זעהר בעגאבטע און טאלאנטפולע, אדער נישט-פערמעגליכע שילער — ספּעציעלע הנחות.


# אימפאזאנטער סיום הספר פון דער חברה תמימי דרך.

## 40 יודישע קאזאקען אויף פערד מיט פייערדיגע שטורקאצען רייטען ארום דער חופה.

אין ראדאם געפינט זיך א חברה א. נ. תמימי דרך. נאך פאר דער מלחמה האט די דאזיגע חברה אנגעהויבען שרייבען א ספר תורה, צוליעב דעם, וואס אין מיטען איז אויסגעבראכען די מלחמה און אויך צוליעב דעם, וואס דורך דער צייט זענען געשטארבען איינעגע אקטיווע מיטגלידער פון דער חברה, איז דאס ספר נישט פערענדיגט געווארען. ערשט אין די לעצטע יאהרען האט זיך די חברה ענערגיש גענומען צו דער זאך, ביז זי האט ענדליך געפייערט היינטיגען זונטאג דעם סיום.

זונטאג, אין טאג פון סיום, האט די חברה תמימי דרך געפיהרט דאס ספר אין שוהל אריין מיט גרויס פאראד. אויפ'ן גאנצען וועג ביז'ן שוהל האט געשפיעלט א יודישע מוזיק פון קנאפע 20 מאן און 40 פערשטעלטע אלס קאזאקען האבען מיט פייערדיגע שטורקאצען רייטענדיג אויף פערד בעגלייט די חופה, אונטער וועלכער מ'האט געפיהרט דאס ספר.

טויזענטער מענשען האבען זיך בעטייליגט אין דער שמחה און אנגעפולט דעם גאנצען וואעל. די שוהל איז געווען איבערגעפאקט און א נדויסער עולם איז געבליבען שטעהן אין דרויסען.

דער שוהל-חזן ה' יאפע האט געמאכט א מי שברך דעם מלוכה-פרעזידענט ה' מאטשיצקי און דעם פרעמיער מארשאל פילסודסקי. נאכדעם האט הרב קעסטענבערג געהאלטען א רעליגעזע רעדע וועגען דער בעדייטונג פון סיום הספר.

# ספארט.

די ווארשאווער זש. א. ס. ס. האט פערגאנגענע וואך געוויילט אין ראדאם, וואו זי האט געשפילט צוויי מעטשען מיט די היגע יודישע ספארט-קלובען בר-כוכבא און מכבי.

### זש. א. ס. ס.—מכבי 1:0 (0:0)

די דערמאנטע מאנשאפטען האבען שבת שוואך געשפילט און געליפערט הענינג אינטערעסאנטע מאמענטען. די מכבי-פערטיידיגונג האט זיך געהאלטען נישקשה'דיג, דאגעגען זייער שטורם-ליניע איז געווען מאכטלאז. א דאנק אויך דעם מכבי-טויערמאן האבען די יווארשאווער, וועלכע האבען געשפילט נישט אזוי, ווי מ'האט זיך געריכט, אנגעהאלטען א קליינעם נצחון.

שיעדס-ריכטער — ה' ראקאטש.

### זש.א,ס ס.—בר-כוכבא 3:3 (2:2)

צוליב'ן שבת'דיגען שוואכען שפילען פון די געסט איז אויף דעם זונטאג'דיגען מעטש מיט בר כוכבא געקומען א קליינער עולם. דער מעטש הויבט זיך אן מיט א איבערמאכט פון ב"כ און די לעצטע ציעלן 2 טויערן (פון 11-מעטער שאסען). באלד דערנאך געלונגט זש.א.ס.ס. דעם רעזולטאט אויסצוגלייכען אויף 2:2.

אויף די אנדערע העלפט שפילט ב"כ פיעל שענער פון זיין געגנער, אבער אהן ערפאלג. ביידע דרוזשינעס ציעלן צו איינציגע טויערן און ביים רעמי-רעזולטאט (3:3) ענדיגט זיך דער מעטש.

די געסט זענען פאר'ן אנהויב בעגריסט געווארען דורכ'ן פרעזעס פון ב"כ, ה' גבריאל אייזמאן, און זיין 9-יעהריג טעכטעריל האט די ווארשאווער דערלאנגט בלומען אין נאמען פון ב"כ.

שיעדס-ריכטער – ה' ציעשקאווסקי.

אין אלגעמיין איז דער שפיעל נישט געשטאנען אויף דער געהעריגער מדרגה און האט קנאפ אינטערעסירט דעם עולם. א שלעכטען איינדרוק האט געמאכט אויף די בעזוכער דאס, וואס די געסט האבען געשפילט ברוטאל.

### בראן — טור 0:0

די דערמאנטע „בע"-קלובען, וועלכע פרעטענדירען אויף אריבערגעהן אין קל. „א" (זיי האבען גלייך פונקטען) האבען היינטיגען זונטאג געשפילט א מייסטער-מעטש און זיך פערענדיגט רעמי (0:0). ס'וועט דעריבער פארקומען נאך א מעטש, וועלכער וועט דעצידירען ווער ס'זאל אריבערגעהן אין קל. „א". זעהר גוט איז געווען דער יודישער שיעדס-ריכטער ה' בייטלער.

ש — ב.


ווינש-קארטען צו ראש-השנה

קענט איהר שוין בעשטעלען ביי מיר אין דער דרוקעריי וואו ס'געפונט זיך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע מוסטערן ווינש-קארטען און וויזיטובקעס.

גרויסער אויסוואהל, פערשידענע מוסטערן ווי אויך אלע גרייסען און איז צוגענגליך פאר אלע.

דרוקעריי שלום נבו
רינעק 10.

רעיעלע און סאלידע דרוק פון די לעצטע מאדערנע שריפט.

100 וויזיטובקעס צוזאמען מיט'ן דרוק נאר 2 זל.

נוצט אויס די געלעגנהייט!

ס'ווערט אויך אנגענומען פערשידענע אנדערע דרוק-ארבייט און אויסגעפערטיגט צו זעהר ביליגע פרייזן.



די דירעקציע פון גימנאזיע

„פשיאטשול וויעדזי"

(מיט רעגירונג'ס-רעכט)

מאכט בעקאנט, אז ביטעס פון נייע-אריינטרעטענדע קאנדידאטען ווערדען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע (קילינסקי 13) פון מיטוואך דעם 20-ען שערפיען ד. י. אין די שעה'ען פון 9 ביז 1 נ. מ.

צו די ביטעס דארף מען ביילעגען געבורט'ס און אימפפונג'ס-צייגנישען, עווענטועל אויך א שול-צייגניש.

די דירעקציע.

# דאס ארבייט'ס-פראגראם
## פון דער ראדאמער נייער קהלה-פערוואלטונג.

ווי מיר האבען שוין אויספיהרליך מיטגעטיילט, איז פון אלע 4 ליסטעס, וואס זענען ארויסגעשטעלט געווארען פון די קהלה-פראקציעס צו די וואהלען פון א נייער גמינע-פערוואלטונג — אויסגעוועהלט געווארען די איינציגע ליסטע נומער 2 פון דער אונפארטייאישער פראקציע, וועלכע האט בעוויזען צו פערזעהען איהר ליסטע מיט אלע נויטיגע וואהל - פארמאליטעטען.

היינטיגען זונטאג האט שוין די נייע קהלה פערוואלטונג אבגעהאלטען א זיצונג. אויף וועלכע ס'זענען ארומגערעדט געווארען די פלענער פון דער ארבייט אויף להבא. ס'איז אריינגעטראגען געווארען א פארשלאג צו קויפען דאס הויז מיט'ן גאנצען פלאץ פון דער לאדזער באנק, מיט'ן צוועק דארט אויפצושטעלען א שוהל און גלייכצייטיג דארט איינארדנען א אייגענעם לאקאל פאר דער קהלה. בכדי דאס ווי אמגיכסטען צו רעאליזירען איז בעשלאסען געווארען צו רופען א גרויסע רעפרעזענטאציע - פערזאמלונג פון די אנגעזעהענסטע בעלי-בתים פון שטאדט, וועלכע זאלען בייהילפיג זיין אדורכצופיהרען א זעלבסט - בעשטייערונג פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג פאר דער דאזיגער וויכטיגער אקציע. דערביי איז אויסדריקליך בעטאנט געווארען, אז די אקציע זאל טראגען דעם כאראקטער פון א פרייוויליגע זעלבסט-בעשטייערונג אהן א וועלכען ס'איז צוואנג.

די נייע קהלה-פערוואלטונג האט אויך בעשלאסען אונטערצונעמען א קאמפף געגען דער געהיימער שחיטה און צו דעם צוועק אינטערווענירען ביי דער מאכט צו בעזייטיגען די פרעמדע שוחטים.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיסיע, וואס זאל בעטראכטען די רעקורסען פון עטאט-צאהלער'ס, וואס ליגען שוין אין גמינע א לענגערע צייט און זענען נאך נישט ערלעדיגט געווארען און בכלל צו ליקווידירען די פערלעגענע קהלה-שטייערן.

ס'זענען געקליבען געווארען פאלגענדע קאמיסיעס: א רעליגעזע קאמיסיע פון די ח"ה: ירחמיאל גוטמאן, מאטעל זעלצער, יצחק דוד זילבערבערג, חיים שענענבוים, בעריש וויינאכט; אין דער בית-עלמין - קאמיסיע זענען אריין די ה"ה: בנימין האכמאן, ירחמיאל גוטמאן און לייביש מענדיל זילבערשטיין. אין דער קאמיסיע וואס זאל זיך בעשעפטיגען מיט'ן פראיעקט צו קויפען דאס הויז פון די לאדזער באנק זענען אריין די ה"ה: לייבעל פרידמאן, בנימין האכמאן און יצחק דוד זילבערבערג.

ס'איז אויך אנגענומען געווארען אבצוזאגען דעם גאנצען ביז איצטיגען גמינע-פערסאנאל און אויף זיין ארט צו אנגאזשירען נייע בעאמטע.

צווישען אנדערע ענינים, וואס זענען געשטאנען אויפ'ן טאג-ארדנונג איז אויך בעהאנדעלט געווארען די ווענדונג פון היגען הויז אייגענטימער ח' מענדעל שטיינבאק, וועלכער וויל אנשרייבען דאס בית-מדרש, וואס געפינט זיך אין זיין הויז, אויפ'ן נאמען פון דער יודישער גמינע.

• • •

אויף דער ווענדונג פון דער אלטער גמינע אין מיניסטעריום אויסצוהאלטען דעם בעשלוס פון ה' סטאראסטא וועגען אנעריקענען די איינציגע ליסטע נומער 2 — האט היינטיגע וואך די גמינע ערהאלטען א מיטטיילונג, אז זי זאל זיך ווענדען דירעקט צו דער ערשטער העכערער מאכט, ד"ה צום וואיעוואדא קיין קעלץ.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
דער פאמיליע רובינשטיין
צוליעב'ן טוידט פון זייער מאן און פאטער
ר' משה רובינשטיין ז"ל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט
„עזרה"
אין ראדאם.

מיין אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דער פאמיליע רובינשטיין
צוליב'ן גרויסען פערלוסט פון זייער געליבטען מאן און פאטער
דעם אדם חשוב ר' משה רובינשטיין ז"ל
זאלען זיי זיין געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קיין צער.
ש. בלאט.

צוזאמען מיט דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג בעדויערן מיר דעם
פריהצייטיגען טויט פונ'ם בעוואוסטען נדבן
ר' משה רובינשטיין נ"ע
אין פערשטארבענעם פערלירען מיר איינעם פון די געטרייעסטע פריינד
פון דער אינסטיטוציע.
ועד הישיבה „תורת חיים"
ברדום.

## ר' משה רובינשטיין נ. ע.

היינטיגע וואך, זונטאג, איז אין ראדאם געשטארבען דער בעוואוסטער אייזען-אינדוסטריעלער ר' משה רובינשטיין.

דער פערשטארבענער איז געווען איינער פון די פיאנערען אויפ'ן געביעט פון דער אייזען-פראדוקציע אין אונזער שטאדט. א דאנק זיין גלענצענדער פיהרישער רוטין און גרויסע קענטניסען אין דער זעלבער בראנזשע האט ער אוועקגעשטעלט זיין אייזען-פאבריק אין גרויסען פערנעהם און זיך ערווארבען א זעהר פאפולערען נאמען אין די קרייזען פון די אינדוסטריעלער און אין דער האנדעלס-וועלט.

דער פערשטארבענער האט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט זעלטענע גוטע יודישע מדות, איז געווען א יוד פון עלטערן דור און נישט קוקענדיג אויף זיין גרויס עשירות האט ער טייער געהאלטען די יודישע טראדיציעס און געפיהרט זיין הויז אין יודישען גייסט.

ר' משה רובינשטיין איז געווען א נדיב-לב און מיט א ברייטע האנד תמיד זיך אבגערופען אויף יעדער דבר-טוב. אז מ'איז געקומען צו איהם וועגען א דבר צדקה, אדער גמלות חסדים האט ער אקעגענגעטראגען בסבר פנים יפות. און נאך מעהר געגעבען וויפיעל מען האט פון איהם פערלאנגט. אין אלע יודישע אינסטיטוציעס און אנשטאלטען האט זיך געלאזט פיהלען זיינע אנגעזעהענע נתינות און נדבנות.

אין זיין הויז האט ער אויפגעשטעלט א בית-מדרש. ער האט זיך אויך פיעל בעמיהט וועגען א מקוה אין דער געגענד פון דער סקארישעווסקא גאס, וואו ער האט געוואהנט.

ר' משה רובינשטיין איז געווען א בעשיידענער מענש, זיך געהאלטען פשוט און צוגעלאזען צו יעדען איינעם. אין זיין פאבריק האט ער בעשעפטיגט א בעדייטענדע צאהל יודישע ארבייטער. די גאנצע געגענד אויף דער סקארישעווער גאס בעדויערט שטארק זיין טוידט. אלע דארטיגע יודישע איינוואהנער פיהלען אין זיין טוידט א גרויסען פערלוסט.

דער פערשטארבענער האט איבערגעלאזט נאך זיך א שם-טוב אין דער גאנצער שטאדט.

תנצבה.

Wystrzegać się naśladownictw
o podobnym brzmieniu



## OGŁOSZENIE.

Podaje się do wiadomości Sz. P., że Biuro Próśb i Podań pod firmą

# „EXPRES"

przy ul. ŻEROMSKIEGO 27
(w lokalu Powszechnego Banku Spółdz.)
z dniem 15 Sierpnia r. b. wznawia swą działalność pod kierownictwem wybitnych fachowców.

BIURO ZAŁATWIAĆ BĘDZIE:

Redagowanie próśb do wszystkich władz państwowych i komunalnych.
Sprawy paszportowe i mieszkaniowe; umowy i kontrakty
Windykacja należności.
Przepisywanie na maszynie.

Biuro czynne od godziny 9—3 i od 4—7.
Załatwia się punktualnie, solidnie i tanio.



## דער סוחרים=פעראיין אין ראדאם

מאכט דערמיט בעקאנט זיינע מיטגלידער, אז זונטאג דעם 14 ווזשעשען 1930 7 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל זשעראמסקי 18

# א אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג=ארדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וועהלען א פארזיצענדען פאר דער פערזאמלונג, 3) בע=טראכטען די רעזיגנאציעס פון פרעזעס פון ראט און פערוואלטונג, 4) מינד-ליכער בעריכט פון דער לאגע פון סוחרים פעראיין, 5) בעטראכטען דעם פארשלאג פון גרינדען א קאאפעראטיווע באנק ביים סוחרים=פעראיין, 6) פרייע פארשלאגען.

אייער אנוועזענהייט איז אונבעדינגט נויטיג.


## ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה' פסח פיוניק פאר מיין נישט טאקטישע האנדלונג געגען איהם.

ישראל לעווקאוויטש
מיטגליד פון „קראפט".
קעלץ.

# קעלצער אבטיילונג.

## א רעפעראט פון ה' ביאלאפאלסקי.

אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען צום קאנגרעס פון ארבייטענדען ארץ-ישראל, קומט היינטיגען שבת 7 אווענד פאר אין זאהל „ארפעאום" א רעפעראט פון בעקאנטען פועלי-ציוניסטישען רעד-נער ה' ביאלאפאלסקי.

## נישט געלונגענע גניבה אין סובעדניעווער פענסיאנאט פון ה' רייכקינד.

פאריגען מיטוואך 2 ביינאכט האבען ביז איצט נאך נישט ענטדעקטע גנבים זיך אריינבעקומען אין בעקאנטען פענ-סיאנאט פון ה' רייכקינד אין סובעד-ניעוו. די „געסט" האבען לאנג געניש-טערט אין אלע שטובען און האבען זיך געגרייט אויף א גרעסערע „אונ-טערנעמונג". אין דער לעצטער מינוט אבער האט זיך ה' רייכקינד, אויפ'ן גערויש פון די גנבים, אויפגעכאפט און אזוי ארום געשטערט זיי אין דער אר-בייט. ביים אוועקגעהן האבען די ענ-טוישטע „ספעציאליסטען", כדי זיך כאטש אויסצושלאגען די הוצאות, גע-מאכט א בעזוך אין די שכנות'דיגע וואהנונג פון ה' גאלדבלום, וואו זיי האבען ארויסגע'גנב'עט 69 זלאטעס.

## פון „מסדה".

שבת דעם 6-טען ה. מ. 3 נ. מ. קומט פאר אין לאקאל פון קרן קימת (רינעק 10) א דיסקוסיאנס-פערזאמלונג א. ד. ט. „די לאגע אין ציונים נאך די לעצטע סעסיע פון א. ק." אלע חברים ווערען געבעטען פינקט-ליך צו קומען.

## ספארט.

### „מכבי" — „קראפט" 2:2

שבת דעם 30-ען אויגוסט אין סאר- „קראפט". הגם מכבי ווייזט ארויס א געקומען א מעטש צווישען „מכבי" און פיל בעסערען שפיל, דאך געלונגט קראפט ביז דער פויזע צו שיסען 2 גאלען.

נאך דער פויזע בעקומט מכבי די פולשטענדיגע איבערמאכט און זכא-קירט כסדר דאס טויער פון געגנער. עס געדויערט נישט לאנג און א דאנק די שפילער וויצמאן, גוטמאן געלונגט זיי אויסצוגלייכען דעם רעזולטאט.

### „מכבי" II — „הפועל" 1:1

זונטאג איז פארגעקומען א מעטש צווישען „מכבי" און דעם ניי=געגרינדע-טען ארבייטער-קלוב „הפועל".

ביים אנהויב ווערט „הפועל" בע-גריסט און בעשאנקען מיט א בוקעט בלומען צו איהר ערשטען ארויסטריט.

מצד מכבי רעפען ה"ה קייזער און כא-רענסלופ. פון „הפועל" ענטפערט ה' ראזענוואלד. דאן הויבט זיך אן דאס שפיעל, וועלכעס ווערט געפיהרט דורך דער גאנצער צייט אין א שטארקען טעמפא און א איבערמאכט פון „הפועל".

דער אינטערעסאנטער מעטש פער-ענדיגט זיך מיט א רעזולטאט 1:1

## א גלח קלאגט-איין אין געריכט די פויערים פון זיין דארף פאר בעגראבען א זעלבסטמערדער אהן זיין ערלויבניש.

א סענסאציאנעלער פראצעס איז פארגעקומען אין שטעטעל באדזענטין (נעבען קעלץ).

א געוויסער רייכער לאנדווירט פון דארף ווזדאל נישט ווייט פון באדזענ-טין, מיזשעראוויטש איז בעגאנגען זעלבסטמארד דורך אויסטרינקען קאר-באל-עסענץ אין א שכור'ען צושטאנד. ווען מ'איז צוגעטרעטען איינארדנען די לויה האט דער ארטיגער גלח נישט ערלויבט צו בעגראבען דעם זעלבסט-מערדער אויפ'ן געהייליגטען פלאץ פון צמענטאזש. ס'האבען זיך משתדל געווען די פאמיליע און ס'האבען געבע-טען די פויערים פון דארף. וואו דער טראגיש-אומגעקומענער האט זיך ער-ווארבען סימפאטיע, אבער דאס אלץ האט נישט געהאלפען.

די פויערים האבען דעריבער בע-שלאסען אליין אויף אייגענער אחריות צו בעגראבען דעם זעלבסטמערדער. זיי האבען ביינאכט אויסגעגראבען אויפ'ן צמענטאזש א קבר און אין דער פריה האבען זיי בעגראבען זייער פריינד.

ווען דער גלח האט זיך דערוויסט דערפון האט ער א רייהע פויערים פון זיין דארף איינגעקלאגט אין געריכט.

אויף דער בעשולדיגונג'ס-באנק זענען אלזא די טעג געזעסען 11 פויערים. ס'זענען ארויסגערופען געווארען 30 עדות, צווישען זיי אויך גייסטליכע.

אין טאג פון פראצעס זענען אנגע-קומען קיין באדזענטין א סך פויערים פון דארף ווזדאל און פון דער ארומי-גער געגענד.

צוליב דעם וואס ס'האבען זיך נישט געשטעלט איינעגע עדות איז דער פרא-צעס אבגעלעגט געווארען.


LEKARZ D-r MED.

# L. FASTMAN

specjalista chorób uszu, nosa i gardła
przeprowadził się z dniem 1 Sierpnia
na ulicę MARJACKĄ 12. (II piętro)

# פון דער יודישער גימנאזיע אין קעלץ.

ווי מיר האבען שוין געשריבען האט דער אויסגאנג פון די הי־יעהריגע מא־טורעלע־עגזאמענס אין אונזער גימנאזיע ווי דאס בעקומען רעגירונגס־רעכט אדן בעווארענישען, געמאכט א סאלאסאלען איינדרוק אויף די היגע בעפעלקערונג. די פרעקווענץ אויפ'ן נייעם יאהר ווערט זיך פאר א פיעל־פערגרעסערטער און ס'ליגט אין אייגענעם אינטערעס פון אלע עלטערן ואלען וואס פריהער איינ־שרייבען די קינדער, כדי אויסצומיי־דען אונאנגענעמליכקייטען ווען די קינדער וועלען נישט גערן אנגענומען ווערען צוליב מאנגעל אין פלאץ.

די פערוואלטונג מאכט דערווייל שריט דאס נייע יאהר זאל זיך שוין אנהויבען, אונטער די ליימונג פון דער נאר וואס געגרינדעטער קולטור־קאפע־ראטיוו וואס יוואלס געגעבען א גא־ראנטיע פאר א נארמאלע ארבייט. מצד די פערוואלטונג בעט מען אונז אויך אויפמערקזאם צו מאכען דאס אלע שי־לער, אפילו אלטע, מוזען ווערען אויס־סניי איינגעשריבען.

## א בלימעל־פערקויף לטובת קרן־קימת אין ראדאם

קומענדען דינסטאג דעם 9/9 ד. י. קומט פאר אין ראדאם א בלימעל־אב־צייכנונג לטובת דעם „קרן־קימת", איינגעארדענט דורך דער ארטיגער פעראייניגטער „קרן־קימת"־קאמיסיע ביי דער אקטיווער מיטהילף פון „פרוי־ען־קרייז פאר א"י־ארבייט".

## בעריהמטער פויל. טראגיקער ארדענטאוויטש אין ראדאם

מארגען, שבת־צונאכט, טרעט־אויף אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" דער בעריהמטער פוילישער טראגיקער אד־ווענטאוויטש. ער וועט אויפפיהרען דאס בעריהמטע טעאטער־שטיק „ציאנקאלי", וואס האט ארויסגערופען א גרויסען שטורעם און רעש אין אלע שטעדט, וואו דאס איז געשפילט געווארען.

## דער דזשאז־זינגער אין קינא „שוויט"

אין היגען קינא „שוויט" וועט קירצ־ליך דעמאנסטרירט ווערען דער שלא־גער פון קלאנג־פילם „דער דזשאז־זינגער". דאס בילד האט מיט זיין שטארקע דראמאטישע האנדלונג און אויך צוליב דעם געניאלען קלאנג־פילם ארטיסט אל־דזשאנסאן געשלאגען רעקארד און ארויסגערופען בעוואונדע־רונג פון אלע קינא־בעזוכער.


אונזערע פריינד ה' נתן בליכער און פרוי
צו דער האכצייט פון זייער ליבע טאכטער
רוזשע מיט ה' פ. ראזענצווייג
ווינשען מיר די עלטערן פיעל נחת אין דעם יונגען פארל גליק, צופרידענהייט
שמואל ווינשטאק און פרוי.

פילם־סענסאציע אין ראדאם!!!
קירצליך וועט זיך בעוויזען אויפ'ן עקראן
פון קלאנג־פילם „שוויט"
דאס לאנג־ערווארטעטע בילד פון יודישען לעבען א. נ.
„דער דזשאז־זינגער"
אין דער הויפט־ראל וועט מען זעהן דעם וועלט־בעריהמטען יודישען טראגיק
אל זשאלסאן
דאס פרעכטיגע בילד האט אין פערלויף פון מאנאטען געהאלטען אין שפאנונג צעהנדליגער טויזענטער צושויער
צום בילד ווערען צוגעגעבן הערליכע
קלאנג־דאדאטקעס.
DYREKCJA
KINA DŹWIĘKOWEGO „SWIT"
w Radomiu.

Biuro Prośb i Podań
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.
ZAŁATWIA: Sprawy paszportowe, Mieszkaniowe, Wszelkie Tłomaczenie i inne.
Redaguje Podania: Do Władz Sądowych, Skarbowych, Administracyjnych i Wojskowych.
Windykacja należności w całej Polsce.
Informacje o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

LEK.-DENT.
R. BANKIER-DEN
POWRÓCIŁA
Przyjmuje Warszawska № 9
od 10—1 i od 3—7

Kino dźwiękowe „ŚWIT"
Od poniedziałku dnia 1 Września b. r.
CZTERY PIÓRA
— w rolach głównych: —
Cleeve Broock, Rychard Arlen, William Pofell
Nad program: Liczne dźwiękowe dodatki

W SZKOLE FREBLOWSKIEJ
mieszczącej się — przy ulicy KILIŃSKIEGO 27 w ogrodzie
zajęcia rozpoczynają się dn. 7 września.
Gluzmanówna.

Kino ODEON Teatr
Od poniedziałku 1 Września r. b.
Epokowy film polskiej produkcji p. t,
Rok 1863
wg powieści St. Żeromskiego
Wierna Rzeka
Nad program: słynny Luciano Albertyni ? ?

Kino NOWE CZARY Teatr
Dziś i dn. następnych
Wspaniały dramat p, t,
1. Żar Miłości
z Gretą Garbo i K. Naglem
Robin Hood
z fenomenalnym Douglasem Fairbanksem

Kino CORSO Teatr
Dziś i dni następnych
Potężny dramat pt,
JEZIORO MIŁOŚCI
W roli głównej: Grita Leg.
Na scenie: rewja


Redaktor Ch. M. Herc     Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom Sowalikowska 20.